**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/3/2022 **גאווערנער קעטי האָוקול**

**גאווערנער קעטי האוקול מעלדט 5-מיליאן-דאלערדיגע איסט סייד קאמערשעל געביידע סטאביליזאציע פאנד אצינד אפן פאר אפליקאנטן**

***פאנד וועט סטאביליזירן ריזיקירטע געביידעס פאר קאמערציעלע באניץ און ווידער-אנטוויקלונג***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט געמאלדן אז אפליקאציעס זענען אצינד אפן פאר א צווייטער רונדע פון דעם 5-מיליאן-דאלערדיגן איסט סייד קאמערשעל געביידע סטאביליזאציע פאנד אין באפעלאו. דער פאנד העלפט באשיצן דעם קאמיוניטי לעבנסשטייגער פון מזרח באפעלאו, זיכער מאכנדיג אז געביידעס מיט געוויסע פראבלעמען ווערן אויסגעהאלטן פאר מעגליך-צוקונפטיגע באניצונגען, צוריקדרייענדיג א פירונג פון צענדליג יארן פון צעביסלעכווייז צעווארפן היסטארישע געביידע סטאק. אפליקאציעס פאר'ן פראגראם, וואס ווערט אדמיניסטרירט דורך 'פרעזערוועישען באפעלאו ניאגארא', מוזן אריינגעגעבן ווערן ביז דעצעמבער 3, 2022, און זענען צו באקומען [דא](#).

"מיט דעם דאזיגן פאנד נעמען מיר שריטן צו אדרעסירן צענדליגע יארן נאכגעלאזטקייט אין מזרח באפעלאו און מיר האלטן איין אונזער צוזאג צו טון דאס וואס איז רעכט פאר דער קאמיוניטי," **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** "דער איסט סייד קאמערשעל געביידע סטאביליזאציע פאנד' וועט ערמעגליכן העכסט-נייטיגע רענאוואציעס ביי היסטארישע געביידעס אויף צו אויפריכטן דעם געגנט און ברענגען שפרודלדיגע ביזנעס און האנדלערי אקטיוויטעטן צוריק צום געגנט. איך מוטיג ביזנעסער זיך צו ווענדן און האבן א חלק אין דער אויפלעבונג פון איסט באפעלאו."

די צוגעלייגטע רונדע וועט צושטעלן געלעגנהייטן פאר גרענטס ביז 150,000 דאלער צו דעקן 90 פראצענט פון קאסטן אויף צו סטאביליזירן היסטארישע קאמערשעל געביידעס וועלכע זענען איינגעשטעלט פאר צוקונפטיגע צעווארפונג, אפווארטנדיג אויף די באמיאונגען פאר פולשטענדיגע אויפריכטונג אדער רעהאביליטירונג. פראפערטי אייגנטימער זענען פארלאנגט צו ביישטייערן 10 פראצענט פון די סך הכל פראיעקט קאסטן. דאס וועט פרעזערווירן איסט באפעלאו'ס אייגנארטיגע היסטאריע, כאראקטער און געפיל פונעם ארט אין איר ארכיטעקטור און שטאטישע אויסטיליזירונג, און נאך מער פון דעם, אפהיטן צוקונפטיגע געלעגנהייטן פאר קלענערע ביזנעס אנטוויקלונג אין אזעלכע געביידעס, וואס איז באדייטנד מער אויספירליך אין עקזיסטירנדע סטרוקטורן אין פארגלייך צו נייע געביידע קאנסטרוקציע.

**'עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט' פרעזידענטקע, CEO און קאמיסיאנערין האופ נייט האט געזאגט,** "דער 'איסט סייד קאמערשעל געביידע סטאביליזאציע פאנד' העלפט פארזיכערן אז די פיזישע כאראקטער פון איסט באפעלאו איז אזוי שטארק ווי די קאמיוניטי געמיטער פון אירע איינוואוינער. צושטעלן גענוג שטיצע און אויסהאלטן ארטיגע סטרוקטורן קען פירן צו אויפלעבן קאמערשעל דיסטריקטן, טרייבן דעוועלאפמענט און פארשטארקערן דער ארטיגער עקאנאמיע."

**פּרעזערוועישען באפעלאו ניאגאראַ׳ עקזעקיוטיוו דירעקטאר דזשעסי פישער האט געזאגט,** ״מיר ווייסן אז אינוועסטירן אין אונזערע היסטארישע קאמערשעל געביידעס איז טייל פון סיי וועלכע געגנט רעהאביליטירונג סטראטעגיע. מיר זענען גאר דאנקבאר פאר ניו יארק סטעיט פאר׳ן מאכן די אינוועסטירונג אינעם איסט סייד פון באפעלאו.״

אן ערשטע רונדע פון 500,000 דאלער איז אויסגעטיילט געווארן אין 2021, לאזנדיג א באלאנס פון 4.5 מיליאן דאלער פאר צוקונפטיגע רונדעס.

דער פראגראם איז אפן צו אייגנטימער פון קאמערציעלע און געמישטע-באניץ סטרוקטורן וואס זענען געבויט געווארן איבער 50 יאר צוריק און קומען נאך געוויסע אנדערע פראגראם באדינגונגען ווי אויסגעלייגט אין די פראגראם אנווייזונגען. סטרוקטורן מוזן זיי אין איסט באפעלאו מיט א פרעפערענץ געגעבן צו אזעלכע געביידעס לענגאויס קאמערציעלע קארידארן, איבערהויפט אין דעם ציל אינוועסטירונג געגנט — מישיגען, דזשעפערסאן, פילמאר און בעילי עווניוס — פון דעם סטעיט׳ס 65 מיליאן דאלערדיגן ׳איסט סייד קארידארס עקאנאמישע אנטוויקלונג פאנד׳ (ESCEDF). פראפערטי אייגנטימער פאראינטערעסירט אין זיך לערנען מער איבער דעם פראגראם קענען זיך באטייליגן אין א ווירטועלע אינפארמאציע סעסיע אום מיטוואך, אקטאבער 19 אויף 6 אוונט און זאלן זיך רעגיסטרירן [דא](#) אויף זיך צו באטייליגן. די פולקאמע פראגראם אנווייזונגען און אפליקאציעס קען מען געפונען [דא](#).

**סטעיט סענאטאר טים קענעדי האט געזאגט,** ״די צוגעגעבענע רונדע גרענטס פון דעם ׳ איסט סייד קאמערשעל סטאביליזאציע פאנד׳ וועט פארזעצן ווייטער אויפצופענען נייע געלעגנהייטן פאר׳ן פרעזערווירן און רעהאביליטירן היסטארישע געביידעס ארום דער שטאט. איך מוטיג שטארק ביזנעס אייגנטימער און יחידים מיט אן אינטערעס אין איסט באפעלאו אינוועסטירונג זיך צוצושטעלן צו דעם אפליקאציע פראצעס, און עקספלארירן די כאראקטער-פולע קאמערשעל געביידעס וואס ווארטן אויפגערעכטן צו ווערן צו זייער אמאליגן פראכט.״

**אסעמבלי-מיטגליד קריסטאל פעאפלעס-סטאוקס האט געזאגט,** ״איך וויל דאנקען גאווערנער האוקול און ׳עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט׳ פאר איינפירן א צווייטער רונדע פון דער ׳איסט סייד קאמערשעל געביידע סטאביליזאציע פאנד׳. באפעלאו איז אן עלטערע שטאט, וואו מיר האבן פארלוירן פילע היסטארישע געביידעס דורך פארנאכלעסיגונג במשך די יארן; די וועלכע שטייען נאך דארפן אויפמערקזאמקייט און אינוועסטירונג, און דער פראגראם שטעלט צו א מעכאניזם צו סטאביליזירן די געביידעס און זייערע ארומיגע סביבות.״

**שטאט באפעלאו מעיאר בייראן וו. בראון האט געזאגט,** ״אזוי ווי מיר זעצן פאר ווייטער זיך צו ערהוילן און זיך איבערבויען נאך שטערקער אין איסט באפעלאו, איז וויכטיג צו לאזן וויסן פאר איינוואוינער איבער דעם העכסט-נייטיגן פאנד וואס שפילט א הויפט ראלע אין די געזונט און וואוילזיין פון אונזערע געגנטער. די דאזיגע פאנדס וועלן העלפן ווייטער סטאביליזירן ריזיקירטע געביידעס פאר קאמערשעל באניץ און ווידער-אנטוויקלונג מיר זענען גאר דאנקבאר צו ניו יארק סטעיט פאר׳ן מאכן די אנגייענדע אינוועסטירונג אין איסט באפעלאו, און איך מוטיג אפליקאנטן זיך צו ווענדן פאר דער צווייטער רונדע פאנדינג ביז׳ן 3׳טן דעצעמבער דעדליין.״

**איבער ״עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט״**

״עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט״ איז ניו יארק׳ס הויפט עקאנאמישע אנטוויקלונג אגענטור. דער מיסיע פון ESD איז צו שטיצן און אונטערהייבן אן אויפגעלעבטע און וואקסנדער עקאנאמיע, דערמוטיגן דאס שאפן פון נייע דזשאבס און עקאנאמישע געלעגנהייטן, העכערן איינקונפט פאר׳ן סטעיט און אירע מוניציפאליטעטן, און דערגרייכן סטאבילע און אויסגעברייטערטע ארטיגע עקאנאמיעס. דורך ניצן לאָונס, גרענטס, טעקס קרעדיטס און אנדערע סארטן פינאנציעלע הילף, שטרעבט ESD צו פארבעסערן

פריוואטע ביזנעס אינוועסטירונג און וואוקס צו טרייבן דזשאב שאפן און שטיצן בליענדע קאמיוניטיס לענגאויס ניו יארק סטעיט. ESD איז אויך די הויפט אדמיניסטראטיווע אגענטור וואס טוט אויפזען דעם גאווערנער׳ס ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסילס און די מארקעטינג פון ׳איי לאָוו ניו יארק׳, די סטעיט'ס איקאנישע טוריזם צייכן. פאר מער אינפארמאציע אויף ראיאנישע קאונסילס און ׳עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט׳, באזוכט www.regionalcouncils.ny.gov און www.esd.ny.gov.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418